

## ווערט קלוגער:

# שמועסט דורך פּראָסטעיט קענסער טעסטינג מיט אייער דאָקטאָר

NYC Health

# פּראָסטעיט קענסער איז די צווייט-מערסט פארשפרייטע סארט קענסער צווישן מענער אין ניו יארק סיטי.

די פּראסטעיט איז א קליינע דריז אין מענער וואס העלפט די קערפער פראדוצירן זרע. פּראסטעיט קענסער באהאנדלונגען ארבעטן די בעסטע אויב עס ווערט אויפגעכאפט פרי.

מער מענער שטארבן פון פּראסטעיט קענסער ווי פון סיי וועלכע אנדערע קענסער חוץ לונגען קענסער. זיך טעסטן פאר פּראסטעיט קענסער און עס אויפכאפן פרי קען ראטעווען אייער לעבן.

## וואס איז די טעסט פאר פּראסטעיט קענסער?

אויב באשלוסט איר זיך צו טעסטן, זאלט איר מאכן א בלוט טעסט פאר פראסטעיט-ספעציפישע אנטיזשען (prostate-specific antigen, PSA). אייער דאקטאר קען אויך רעקאמענדירן אנדערע טעסטס, כאטש דאס ווערט נישט אפט געטוהן. אויב די PSA שטאפלען אין אייער בלוט זענען העכער פון וויפיל זיי דארפן זיין, וועט אייער דאקטאר מעגליך רעקאמענדירן א ביאפסיע.



## וואס זענען די צייכענעס און סימפטאמען?

אויב איר האט פראסטעיט קענסער וועט איר מעגליך בכלל נישט האבן קיינע סימפטאמען. אויב איר האט יא סימפטאמען קענען זיי אריינרעכענען:

- שווערקייטן צו אנהויבן גיין אויף קטנים
- אפט דארפן ארויסגיין פאר קטנים
- שווערקייטן צו איינגאנצן אויסליידן אייערע קטנים
- ווייטאג אדער א ברענעדיגע געפיל ביים ארויסגיין אויף קטנים
- א שוואכע אדער אפגעהאקטע פלוס ביים ארויסגיין אויף קטנים
- ווייטאג ביים ארויסלאזן זרע
- בלוט אין אייערע קטנים אדער זרע
- ווייטאג אין אייער רוקן, לענדן אדער ארום די זיך פלייש וואס גייט נישט אוועק

## וואס זענען די זאכן וואס פארגרעסערן די אויסזיכטן דערפון?

די אויסזיכטן פאר פראסטעיט קענסער ווערן גרעסער ווי עלטער איר ווערט. איר קענט אויך האבן גרעסערע אויסזיכטן פאר פראסטעיט קענסער אויב:

- איר זענט טונקל-הויטיג אדער אן אפריקאנער-אמעריקאנער
- עס איז דא א היסטאריע אין אייער פאמיליע פון פראסטעיט קענסער
- עס איז דא א היסטאריע אין אייער פאמיליע פון אנדערע סארטן קענסער

רעדט דורך די היסטאריע פון אייער פאמיליע מיט קענסער מיט אייער דאקטאר.

## וואס זענען די בענעפיטן און סכנות פון טעסטינג און באהאנדלונג?

די בענעפיט פון זיך טעסטן איז דאס קענען אויפכאפן פראסטעיט קענסער פרי, א זאך וואס קען ראטעווען אייער לעבן.

ביי געוויסע מענטשן וועט פראסטעיט קענסער זיך נישט פארשפרייטן, פאראורזאכן סימפטאמען אדער ווערן א לעבנס-סכנה. באהאנדלונגען פאר פראסטעיט קענסער האבן סכנות. אויב האט איר א געוואוקס וואס שטעלט נאר א קליינע סכנה, קענט איר דורכרעדן פלענער פאר נאכפאלגונג אדער באהאנדלונג מיט אייער דאקטאר.

**טונקל-הויטיגע מענער האבן די גרעסטע אויסזיכטן סיי צו באקומען און סיי צו שטארבן פון פּראסטעיט קענסער. מאכט זיכער צו איבערשמועסן טעסטינג מיט אייער דאקטאר.**

## ווער דארף זיך טעסטן?

רעדט צו אייער דאקטאר איבער טעסטינג צו זעהן אויב עס איז ריכטיג פאר אייך. מענער זאלן זיך דורכרעדן מיט זייער דאקטאר איבער טעסטינג ביי די:

- 40, אויב זיי האבן מער פון איין נאענטע פאמיליע מיטגליד וואס האט געהאט פראסטעיט קענסער בעפאר די 65
- 45, אויב זיי זענען טונקל-הויטיג אדער האבן איין נאענטע פאמיליע מיטגליד וואס האט געהאט פראסטעיט קענסער בעפאר די 65
- 50, אויב עס זענען נישטא קיין זאכן וואס פארגרעסערן ספעציפיש זייערע אויסזיכטן

## וויפיל קאסטן טעסטינג און קעיר?

רוב העלט אינשורענס פירמעס דעקן PSA טעסטס. אויב איר האט נישט קיין אינשורענס, רופט **311**.

אויב איר האט נישט קיין אינשורענס און איר דארפט באהאנדלונג פאר פראסטעיט קענסער, וועט דער Medicaid Cancer Treatment Program (מעדיקעיד קענסער באהאנדלונג פראגראם) מעגליך קענען העלפן. פאר מער אינפארמאציע, רופט 866-442-2262.





באזוכט nyc.gov/health און
זוכט פאר "prostate cancer"
(פּראסטעיט קענסער) צו
לערנען מער.